בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר׳ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פַּרְשַׁת וַיְחִי

תשפ"ה

375

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וָואס מֵיינְט אַז דִי פוּפְצְן שִׁיר הַמַּעֲלוֹת נֶעמְט אַוֶועק שְׁלָאף? ...... א

פַארְוָואס הֶערְט מֶען אַרִיבֶּער פוּן דִי שְׁכֵנִים? ...... ב

וִויפִיל נָאךְ דַארְף אִיךְ וֵויינֶען אוּן בֶּעטְן פַאר אַ שִׁידוּךְ? ...... ד

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

אַ צַדִיק טְרַאכְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ...... א

דִי גַאנְצֶע הַצְלָחָה קוּמְט דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה ...... ג

אֲשֶׁר בַּנַחַל חֵלֶק ג׳ קוּמְט שׁוֹין אַרוֹיס ...... ג

וָואס אִיז דִי עֵצָה פַאר אַ קִינְד וָואס צֶעבְּרֶעכְט כֵּלִים פוּן כַּעַס? ...... ג

כַאפּ אַ רְקוּדָה׳לֶע מִיט דַיינֶע קִינְדֶער ...... ד

אוֹיסְלוֹיבְּן דִי וַוייבּ אוּן אִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן ...... ה

וואוֹינְסְט אִין שְׁטֶעטְל. אִיךְ הָאף בִּיסְט נָאכְאַלְץ מְקוּרָב צוּם רֶבִּי׳ן ...... ה

אֲפִילוּ בִּיסְט פַארְשֶׁעמְט, צֶעקְלַאפְּט, צֶעשְׁטָאכְן; גֵיי דַאוֶונען מִיט מִנְיָן ...... ו

הֶעלְפְן שַׁאפְן פַּרְנָסָה פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ ...... ז

רֶעדְן, שְׁמוּעֶסְן, דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוערְן גֶעהָאלְפְן ...... ח

צֶעבְּרָאכְן דֶעם טֶעלֶעפָאן ...... ח

אֲפִילוּ מֶען אִיז פַארְלָאשְׁן, קֶען מֶען זִיךְ צוּרִיק אָנְצִינְדְן ...... ט

רֶעדְן אֵיידְל אוּן וֵוייךְ, נִישְׁט וֵויי טוּן ...... י

נִישְׁט לֶעבְּן אוֹיף קְרֶעדִיט קַארְדְס.......... יא
דָאס לֶעבְּן וֶוערְט זִיס אוּן צוּקֶער וֶוען מֶען לֶערְנְט גְמָרָא.......... יא
וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה, דַארְף מֶען פְּרִישׁ מְקוּרָב וֶוערְן צוּם צַדִיק.......... יב
אַ צֶעמִישְׁטֶער אוּן צֶעפְלוֹיגֶענֶער מֶענְטְשׁ, אָן יִשּׁוּב הַדַעַת.......... יב
נִישְׁט גֵיין אִין טִיאַטֶער.......... יג
אָנְטוּן אַ טִיכְל אָדֶער שֵׁייטְל נָאךְ דִי חֲתוּנָה?.......... יד
בֶּענְקְשַׁאפְט צוּ אַייעֶר טַאטֶע עָלָיו הַשָּׁלוֹם.......... יד
דִי שְׁלִיסְל צוּ זַיין אַ פְרֵיילִיכֶער אִיד אוּן אַ צַדִיק.......... טו
שְׂכַר לִימוּד אִיז נִישְׁט קַיין קְנַס.......... טז
לֶערְנֶען הֲלָכוֹת וָואס אִיז וִויכְטִיג פַאר פְרוֹיעֶן צוּ וִויסְן.......... יז
אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן אַ נִישְׁט עֶרְלִיכְן דֶענְטִיסְט.......... יז
אוֹיפְשְׁטֵיין טָאג נָאךְ טָאג נָאךְ חֲצוֹת?.......... יח
נָאר אֵיין אִינְטֶערֶעס, אַלֶע זָאלְן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.......... יח
בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אִין רֶבִּינְ׳ס סְקוּל.......... יט
גֶעבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער אִין שְׁטוּבּ, אָן קַיין חֶשְׁבּוֹנוֹת.......... כ
מִיר דַארְפְן טְרַאכְטְן וִוי אַזוֹי צוּ מַאכְן נָאךְ מֵפִיצִים.......... כא
הֶעלְפְן שַׁאפְן הַלְוָאוֹת צוּ בּוֹיעֶן דִי קְהִלָה.......... כא
גֶעוַואלְד, עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי וָואס קֶען יֶעדְן הֶעלְפְן.......... כב
טַעְנָה׳ט זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם אִיבֶּער גֶעבְּן וַואקְסִינֶען.......... כג
מְחַזֵק זַיין אַלֶע פְרוֹיעֶן צוּ קוּמֶען צוּ דִי פַארְבְּרֶענְג.......... כג
לָאז דַיין וַוייבּ בְּלַייבְּן רֵיין אוּן עֶרְלִיךְ.......... כד
וֶוען אַ נִפְטָר בַּאקוּמְט רְשׁוּת אוֹיפְצוּשְׁטֵיין פוּן קֶבֶר פַאר אֵיין תְּפִלָה.......... כה
אַכְטוּנְג גֶעבְּן דִי קִינְדֶער זָאל נִישְׁט הָאבְּן שַׁייכוּת מִיט לֵצִים.......... כו
דִי סוֹד אִיז אוֹיפְבּוֹיעֶן, אוֹיסְהֶערְן, אוּן וַוייזְן אִינְטֶערֶעס.......... כז
אִיךְ לָאז נִישְׁט אָפּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין.......... כט

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וָואס מֵיינְט אַז דִי פוּפְצְן שִׁיר הַמַּעֲלוֹת נֶעמְט אַוֶּועק שְׁלָאף?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים אוּן פַאר דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פַאר דִי שִׁיעוּרִים אִין סֵפֶר הַמִידוֹת, אוּן פַאר אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א טוּט פַאר אוּנְז.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין סֵפֶר הַמִדוֹת "חֲמִשָּׁה עָשָׂר שִׁיר הַמַּעֲלוֹת שֶׁבַּתְּהִלִּים, מְסֻגָּלִים לְהַעֲבִיר הַשֵּׁנָה", וָואס אִיז דִי סְגוּלָה? עֶס צוּ זָאגְן פַאר מֶען גֵייט שְׁלָאפְן, אָדֶער סְתַּם עֶס זָאגְן אִינְמִיטְן טָאג?

אִיךְ וַוארְט שׁוֹין דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל קוּמֶען, אִיךְ זָאל קֶענֶען זֶען אוּן רֶעדְן מִיטְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, כ״ט כִּסְלֵיו, ה׳ דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דֶער רֶבִּי זָאגְט** (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שֵׁנָה חֵלֶק ב׳, סִימָן ג) **: ״חֲמִשָּׁה עָשָׂר ׳שִׁיר הַמַּעֲלוֹת׳ שֶׁבַּתְּהִלִּים מְסֻגָּלִים לְבַטֵּל הַשֵּׁנָה״, דִי פוּפְצְן קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים פוּן שִׁיר הַמַּעֲלוֹת אִיז מְסוּגָל אַוֶּועק צוּ נֶעמֶען דִי מִידְקֵייט; אַז מֶען זָאגְט דִי פוּפְצְן**

שִׁיר הַמַּעֲלוֹת, הָאט עֶס דִי סְגוּלָה אַוֶועק צוּ נֶעמֶען דִי מִידְקֵייט. אַזוֹי זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, יא): "כָּל עֶשְׂרִים שָׁנָה שֶׁעָמַד בְּבֵיתוֹ שֶׁל לָבָן לֹא שָׁכַב", יַעֲקֹב אָבִינוּ וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיי לָבָן - דִי גַאנְצֶע צְוָואנְצִיג יָאר - אִיז עֶר נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן, "וּמָה הָיָה אוֹמֵר", וָואס הָאט עֶר גֶעזָאגְט? "רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי אָמַר, חֲמֵשׁ עֶשְׂרֵה שִׁיר הַמַּעֲלוֹת שֶׁבְּסֵפֶר תְּהִלִּים", יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעזָאגְט דִי פוּפְצְן קַאפִּיטְלֶעךְ שִׁיר הַמַּעֲלוֹת; דָאס אִיז מְסוּגָל אַוֶועק צוּ נֶעמֶען דִי מִידְקֵייט.

זָאלְסְט זִיךְ בַּאפְלַייסְן אִין לֶערְנֶען סֵפֶר הַמִּידוֹת. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַפְתָּלִי (אֵיינֶע פוּן דִי צְוֵויי עֵדִים וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן, עֶר וֶועט זָאגְן דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קן] אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיין זְכוּת, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת: "וֶועל אִיךְ מִיךְ לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּן, בַּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית"): דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעוִויזְן דֶעם סֵפֶר הַמִּידוֹת אוּן גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שעט): "מַיין לִיבֶּער הַארְצִיגֶער חַבֵר, דֶער סֵפֶר הָאט מִיךְ גֶעמַאכְט פַאר אַ אִיד".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

### פַארְוָואס הֶערְט מֶען אַרִיבֶּער פוּן דִי שְׁכֵנִים?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין נֶעכְטְן גֶעוֶוען אוֹיף זֵייעֶר שְׁפֶּעט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְשְׁלָאפְן, אִיךְ הָאבּ נָאכְאַמָאל גֶעקֶענְט אַרִיבֶּערְהֶערְן פוּן דִי שְׁכֵנִים זֵייעֶרֶע פְּרִיוַואטֶע גֶעשְׁפְּרֶעכְן אוּן גֶערוּדֶער וְכוּ' בִּיז עֶס אִיז גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן שְׁטִיל. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעקוֹיפְט דִי "נוֹיז-מַאשִׁין"

וָואס מַאכְט אַ קוֹל, אַזוֹי ווי דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט, אָבֶער עֶס הֶעלְפְּט נִישְׁט.

אוֹיךְ קֶען מֶען הֶערְן מוּזִיק פוּן זַיי, אוּן דִי נוֹיז-מַאשִׁין הָאט נָאר צוּגֶעלֵייגְט צוּ דִי רַעַשׁ, עֶס הָאט נָאר גֶעמַאכְט קָאפּ וויי; דָאס הֶערְט מֶען נִישְׁט דוּרְךְ דִי וַואנְט אַזוֹי ווִי דִי מוּזִיק, דָאס הֶערְט זִיךְ פוּן דַאךְ וָואס שָׁאקֶלְט זִיךְ (ווִיבְּרִירְט), אוּן דֶערִיבֶּער הֶעלְפְּט נִישְׁט דִי נוֹיז-מַאשִׁין.

אוּן דֶערְנָאךְ הוֹיב אִיךְ זִיךְ אָן צוּ זָארְגְן אַז אֶפְשָׁר קֶענֶען דִי שְׁכֵנִים אוֹיךְ אַרִיבֶּערְהֶערְן פְּרִיוַואטֶע זַאכְן וְכוּ' פוּן אוּנְז, אִיךְ הוֹיב אָן ווֶערְן נֶערְוֶועז אַז אֶפְשָׁר זֶענֶען דִי פוּרְהַאנְגֶען נִישְׁט גוּט פַארְמַאכְט, אִיךְ טְרַאכְט פוּן אַלֶעס אוֹיסֶער פוּן וָואס מֶען דַארְף טְרַאכְטְן וְכוּ', אוּן דֶערְנָאךְ טְרַאכְט אִיךְ אַז מֶען טָאר דָאס נִישְׁט טְרַאכְטְן אוּן עֶס מַאכְט מִיךְ נָאר מֶער טְרַאכְטְן פוּן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ"ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דִי אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אִין קָאפּ אוֹיבּ דִי שְׁכֵנִים הֶערְן אַרִיבֶּער אוּן אוֹיבּ אִיר הֶערְט פוּן זַיי, אוּן דִי מַחֲשָׁבוֹת וֶוערְן שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער בִּיז מֶען קֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט טוּן, נָאר שְׁטֵיין אוּן אוֹיסְשְׁפִּיצְן דִי אוֹיעֶרְן אוֹיבּ מֶען וֶועט הֶערְן עֶפֶּעס וְכוּ' וְכוּ'; דִי עֵצָה פַאר דֶעם אַלֶעס אִיז שִׂמְחָה, זַיין פְרֵיילִיךְ, שִׂמְחָה פַארְטְרַייבְּט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, שִׂמְחָה פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת.

דִי מַאשִׁין וָואס מַאכְט אַ גֶערוּדֶער הֶעלְפְּט נִישְׁט וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, עֶנְדֶערְשׁ נֶעמְט אַ מַאשִׁין וָואס זִינְגְט לֶעבֶּעדִיגֶע פְרֵיילִיכֶע נִיגוּנִים, וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן יד): "עַל יְדֵי זֶמֶר", דוּרְךְ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "תָּבוֹא לִידֵי שִׂמְחָה", וֶועסְטוּ וֶוערְן פְרֵיילִיךְ.

בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען שִׂמְחָה דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ, ווַייל וֶוען מֶען אִיז

בְּשִׂמְחָה הָאט מֶען אַן אָפֶענֶעם מֹחַ און אַן אָפֶענֶעם הַארְץ צוּ קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי ווי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים, אֵיידֶער זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען מִיט דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט אַ וֶוערְטְל, "וּבַדְחִי רַבָּנָן", אַזוֹי זֶענֶען דִי תַּלְמִידִים פְרֵיילִיךְ גֶעוָוארְן (שַׁבָּת ל:), רַשִׁ"י זָאגְט: "נִפְתַּח לִבָּם מֵחֲמַת הַשִּׂמְחָה", דִי מֹחַ הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט פוּן זַיין פְרֵיילִיךְ, אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת שָׁם, סִימָן כא): "עַל יְדֵי שִׂמְחָה תְּפִיסַת הַמֹּחַ נִתְגַּדֵּל", דוּרְךְ שִׂמְחָה וֶוערְט דֶער מֹחַ גְרֶעסֶער, מֶען קוּמְט צוּ מוֹחִין דְגַדְלוּת, אַלֶע נֶערְוֶוען און אַלֶע דִמְיוֹנוֹת - אַנְטְלוֹיפְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִיפִיל נָאךְ דַארְף אִיךְ וֵויינֶען און בֶּעטְן פַאר אַ שִׁידוּךְ?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל אִין דִי יָארְן פוּן שִׁידוּכִים, און אִיךְ וַוארְט אוֹיף נִסִים און יְשׁוּעוֹת. אִיךְ ווֵייס אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען מִיר הֶעלְפְן, מַיין יְשׁוּעָה אִיז נִישְׁט גֶעוָואנְדְן אִין קֵיינֶעם אוֹיסֶער אִים, און מַיין הִילְף וֶועט נָאר קוּמֶען פוּן דֶעם וָואס אִיךְ וֶועל נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאכְאַמָאל וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווייל נָאר עֶר הָאט אֱמֶת'דִיג רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר.

יֶעצְט אִין חֲנוּכָּה, אַ צַייט פוּן נִסִים לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע, ווייס אִיךְ אַז יֶעצְט דַארְף אִיךְ נָאךְ מֶער בֶּעטְן און בֶּעטְן און אַײנְרַייסְן הִימְלֶען, אִיךְ בֶּעט און אִיךְ וֵויין און אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵל, צוּמָאל שְׁפִּיר אִיךְ אָבֶער אַז עֶס אִיז מִיר שׁוֹין צוּ שְׁוֶוער מִתְפַּלֵל צוּ זַיין, שׁוֹין גֶענוּג, אִיךְ הָאב שׁוֹין פַארְגָאסְן צוּפִיל טְרֶערְן, ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ נָאךְ וֵויינֶען? ווִיפִיל נָאךְ קֶען אִיךְ בֶּעטְן אַזוֹי סַאךְ? הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גֶענוּג, אִיךְ בֶּעט דִיר, הֶעלְף מִיר שׁוֹין, בְּרֶענְג מִיר שׁוֹין מַיין יְשׁוּעָה!

ווי אַזוֹי קֶען מֶען אַזוֹיפִיל בֶּעטְן אַ גַאנְצְן צַייט און זִיךְ נִישְׁט מְיָיאֵשׁ זַיין, וֶוען עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער?

אִיךְ ווייס אַז צוּם סוֹף וועט מִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן, אִיךְ הָאף בְּקָרוֹב, אָבֶּער דֶערוַויל אִיז מִיר נָאךְ אַזוֹי שְׁוֶוער, כָּאטְשׁ וָואס אִיךְ ווייס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדֶע תְּפִלָּה, און אִיךְ וֶועל נָאךְ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן עֶפֶּעס חִיזוּק?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, כ"ט כִּסְלֵיו, ה' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... תְּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

קֵיינֶער אוֹיף דִי וֶועלְט פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי צַעַר וָואס בָּחוּרִים און מֵיידְלֶעךְ גֵייעֶן אַרִיבֶּער בַּיים וַוארְטְן אוֹיף זֵייעֶר שִׁידוּךְ, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג פוּן דִי צַעַר און וֵוייטָאג וָואס זֵיי שְׁפִּירְן יֶעדֶע מִינוּט און יֶעדֶע רֶגַע. זֵייעֶר גוּט אַז אִיר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיר וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּ אִים, אִיר גֵייט מִיט דִי וֶועג פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף מַאמֶע לָשׁוֹן, אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט, דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער, בְּרוּחָנִיּוֹת וּבְגַשְׁמִיּוֹת, דֶערְצֵיילְן וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז צוּ זַיין אַלֵיין און וִוי שְׁטַארְק מֶען ווִיל שׁוֹין אוֹיפְגֶערָאכְטְן וֶוערְן מִיטְן טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ.

אָבֶּער מֶען דַארְף וויסְן אַז דָאס רֶעדְן, שְׁמוּעֶסְן און וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין - אִיז נִישְׁט גוּט, מֶען מוּז דָאס טוּן אִינְאֵיינֶעם מִיט תּוֹדָה וְהוֹדָאָה; שְׁטֶענְדִיג וֶוען מֶען בֶּעט אוֹיף אַ צָרָה, וֶוען מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - מוּז דָאס גֵיין אִינְאֵיינֶעם מִיט דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ב), דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז וִוי אַ שַׁארְפֶע שְׁוֶוערְד וָואס הָאט צְוֵויי שַׁארְפְן, וָואס זֶענֶען דִי צְוֵויי שַׁארְפְן? פוּן אֵיין זַייט דַאנְקְט מֶען און מֶען לוֹיבְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט שְׁטֶענְדִיג מִיטְן מֶענְטְשׁ, און פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז דָא דָאס בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן

זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת נַחֲלוֹת, הֲלָכָה ד), אַז דִי בֵּיידֶע זַאכְן גֵייעֶן אִינְאֵיינֶעם, אוּן עֶס קֶען נִישְׁט גֵיין בַּאזוּנְדֶער, וַוייל נָאר אַז מֶען דַאנְקְט אוּן מֶען לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - הָאט מֶען כֹּחַ צוּ בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער, דוּרְךְ תּוֹדָה וְהוֹדָאָה וֶוערְט דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם פַארְבְּרֶענְט, דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם וִויל נָאר מַחְלִישׁ דַּעַת זַיין, עֶר זָאגְט: "וָואס הָאסְטוּ צוּ דַאוֶונֶען? וָואס הָאסְטוּ צוּ בֶּעטְן? מֶען הֶערְט דִיךְ נִישְׁט אוֹיס, דוּ וֶוערְסְט סַיי וִוי נִישְׁט גֶעהָאלְפְן, אַ שָׁאד דִי תְּפִלּוֹת" וְכוּ', אָבֶּער אַז מֶען דַאנְקְט אוּן מֶען לוֹיבְּט אוֹיף דִי שְׁטֶענְדִיגֶע חֲסָדִים - וֶוערְט מֶען שְׁטַארְק אַז מֶען קֶען יָא פּוֹעֶלְ'ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֵהַיּוֹם וָהָלְאָה זָאלְט אִיר נָאר וַוייְנֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינְאֵיינֶעם מִיט דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן; הוֹיבְּט אָן מִיט תּוֹדָה וְהוֹדָאָה אוּן עֶנְדִיגְט מִיט דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן, אוּן אִינְדֶערְמִיט זָאלְט אִיר זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען פַאר אַלֶעס וָואס אִיר דַארְפְט, וֶועט אִיר זֶען וואוּנְדֶער וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן מִיט אַייךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## אַ צַדִיק טְרַאכְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י״ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּ׳ מִיט דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע קוּנְטְרֵסִים עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, מֶענְטְשְׁן וַוארְטְן אוֹיף דֶעם אַ גַאנְצֶע וָואךְ, עֶס אִיז זֵיי אַזוֹי מְחַיֶּ׳, עֶס גֶעבְּט זֵיי אַזוֹיפִיל חִיזוּק, אוּן עֶס וַוייזְט דִי וֶועג וִוי אַזוֹי מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין לֶעבְּן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

עֶס אִיז אַזוֹי וִויכְטִיג זָאלְסְט צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן מַאכְן דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּאר קִינְדֶער, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן רט): ״אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן״, אוּן רֶבִּי נָתָן זָאגְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע בְּרֶען אוּן מִיט אַ הִתְלַהֲבוּת, אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג, וַוייל אַז מֶען וַואקְסְט אוֹיף מִיט אֱמוּנָה אוּן מִיט אֱמוּנַת חֲכָמִים - אִיז דָאס לֶעבְּן זִיס אוּן גוּט.

בֶּעט דֶעם מֶעלֶער זָאל מָאלְן אַ בִּילְד פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וִוי עֶר זִיצְט מִיט קֵייטְלֶעךְ אוֹיף דִי הֶענְט אוּן אוֹיף דִי פִּיס, מִיט אַ סֵפֶר תְּהִלִּים אִין דִי הַאנְט, אוּן וִוי אַ פָּאלִיצֵיי מַאן עֶפְנְט דִי טִיר.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין אַנוּנְג דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִיקִים, וִוי זֵיי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַלֶע צַייטְן; אֲפִילוּ מֶען רוֹדְפְ׳ט זֵיי אוּן מֶען פַּייניִגְט זֵיי, דָאךְ בְּלַייבְּן זֵיי גֶעטְרֵיי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי לָאזְן נִישְׁט אָפּ זֵייעֶר דְבֵיקוּת.

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַרִיבֶּער שְׁרֶעקְלִיכֶע רְדִיפוֹת פוּן דִי מִתְנַגְדִים, מֶען הָאט אִים פַאר'מַסְר'ט פַאר דִי רוּסִישֶׁע רֶעגִירוּנְג אַז עֶר וִויל אוּנְטֶערְוַוארְפְן דִי רֶעגִירוּנְג, אוּן מֶען הָאט דֶעם צַדִיק אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי רוּסִישֶׁע תְּפִיסָה.

קִינְדֶער, וָואס טְרַאכְטְן עֶנְק, וָואס טוּט דֶער צַדִיק אִין תְּפִיסָה? קִינְדֶער, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס אַ צַדִיק אִיז, אַ צַדִיק טְרַאכְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וואוּ עֶר אִיז; וֶוען עֶר אִיז אִין שׁוּל טְרַאכְט עֶר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען עֶר אִיז אִין שְׁטוּבּ טְרַאכְט עֶר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּיים עֶסְן, בַּיים שְׁפַּאצִירְן, אִינְטֶערְוֶועגְנְס טְרַאכְט עֶר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיךְ וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים שְׁוֶוערֶע צַייטְן טְרַאכְט דֶער צַדִיק נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זָאגְט תְּהִלִּים, עֶר זָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "'פָּדָה בְשָׁלוֹם נַפְשִׁי מִקְּרָב לִי', אֵייבֶּערְשְׁטֶער דוּ רַאטֶעוֶועסְט מִיךְ אַזוֹיפִיל מָאל פוּן מַיינֶע מִלְחָמוֹת פוּן מַיינֶע לַיידְן", אוּן עֶס עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף דִי טִיר... עֶס קוּמְט אַרַיין דֶער גְרוֹיסֶער אָפִיצִיר, אוּן זָאגְט: "רַאבִּינֶער בַּאפְרֵייט!" דֶער צַדִיק הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי קַאפִּיטְל תְּהִלִּים אוּן מִיט דַאנְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶר אַרוֹיס פוּן תְּפִיסָה.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר וֶועלְן זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, מִיר וֶועלְן יֶעדְן טָאג זָאגְן תְּהִלִּים, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אוּנְז שְׁוֶוערֶע טֶעג - וֶועלְן מִיר אוֹיךְ זָאגְן תְּהִלִּים, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן נִסִים, אוּן מִיר וֶועלְן גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי גַאנְצֶע הַצְלָחָה קוּמְט דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין עִתִּים לַתּוֹרָה, זָאלְסְט גֵיין יֶעדֶע נַאכְט צוּם שִׁיעוּר, לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא. דִי גַאנְצֶע הַצְלָחָה קוּמְט דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אַלֶעס אַלֶעס קוּמְט דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מִיר שְׁרַייבְּן בְּרִיוו; אִיךְ ווִיל הֶערְן פוּן דִיר, אִיךְ ווִיל זַיין בְּקֶשֶׁר מִיט דִיר.

...

## אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק ג׳ קוּמְט שׁוֹין אַרוֹיס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ...**

מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ זֵייעֶר אַז אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק ג׳ קוּמְט שׁוֹין אַרוֹיס, דָאס וֶועט אוּנְז בַּאלַייכְטְן.

אָחִי, חֲזַק וֶאֱמָץ.

...

## וָואס אִיז דִי עֵצָה פַאר אַ קִינְד וָואס צֶעבְּרֶעכְט כֵּלִים פוּן כַּעַס?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר בֶּעט אַן עֵצָה, אֵיינֶע פוּן דִי קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר בְּכַעַס וְכוּ׳, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז דָאס קִינְד צֶעבְּרֶעכְט כֵּלִים פוּן כַּעַס; וָואס אִיז דִי עֵצָה?

דִי עֵצָה אִיז, וֶוען אִיר צִינְדְט אָן דִי הֵיילִיגֶע שַׁבָּת לֶעכְט זָאלְט אִיר בֶּעטְן

**פַאר דָאס קִינְד: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף דָאס קִינְד (זָאגְט מִיטְן נָאמֶען) זָאל נִישְׁט זַיין בְּכַּעַס, זָאל נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן זַאכְן דוּרְךְ כַּעַס, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף דָאס קִינְד זָאל אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג".**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

## כַאפּ אַ רְקוּדָה'לֶע מִיט דַיינֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ"ה כִּסְלֵיו, א' דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דֶערְצֵיילְט, רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג טַאנְצְן, אוּן אוֹיבּ הָאט עֶר זִיךְ דֶערְמַאנְט בַּיינַאכְט אִין בֶּעט אַז עֶר הָאט נָאךְ הַיינְט נִישְׁט גֶעטַאנְצְן - אִיז עֶר אַרָאפּ פוּן בֶּעט אוּן גֶעטַאנְצְן אַ קְלֵיינֶע רְקוּדָה'לֶע פַאר זִיךְ, אַזוֹי חָשׁוּב אוּן וִויכְטִיג אִיז גֶעוֶוען בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דָאס טַאנְצְן, וַוייל דָאס אִיז מַמְתִּיק דִי דִינִים (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן י').

אֲפִילוּ אַ שְׁטִילֶער מֶענְטְשׁ, אַ בַּיְישָׁן, וָואס שֶׁעמְט זִיךְ צוּ טַאנְצְן צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן - קֶען טַאנְצְן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער. עֶס אִיז אַ קְלֵיינֶע זַאךְ, אָבֶער עֶס לֶעבְּט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס לֶעבְּט אוֹיף דִי מִשְׁפָּחָה, עֶס נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע דִינִים.

זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ - וֶוען דוּ קוּמְסְט אַהֵיים נָאכְמִיטָאג - צוּ כַאפְּן אַ רְקוּדָה'לֶע מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, וֶועט דִי שְׁכִינָה רוּעֶן בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ.

...

## אוֹיסְלוֹיבְּן דִי וַוייבּ אוּן אִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט אָוֶועק מַאכְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ"ה כִּסְלֵיו, א' דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

זֶע אוּן פְּרוּבִּיר צוּ הָאבְּן אֱמֶת'ע שָׁלוֹם בַּיִת, עֶס זָאל זַיין לִיבְשַׁאפְט צְוִוישְׁן דִיר אוּן דַיין וַוייבּ, וַוייל דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אַ וִוּיכְטִיגֶע זַאךְ אוּן אַן עִיקָר, מֶען זָאל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת.

זָאלְסְט אוֹיסְלוֹיבְּן דַיין וַוייבּ אוּן זָאלְסְט אִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט אָוֶועק מַאכְן, אוּן אַז דַיין וַוייבּ הָאט מִנְהָגִים אוּן עִנְיָנִים וְכוּ' - זָאלְסְטוּ אִיר שֶׁעצְן, נִישְׁט חוֹזֶק מַאכְן, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁטָא בֶּעסֶערְס וִוי אַ תְּמִימוּת'דִיגֶע עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, וָואס הָאט אִירֶע עִנְיָנִים וְכוּ' וְכוּ'.

נַארִישֶׁע קְלֵיינְקֶעפְּלְדִיגֶע אִינְגֶעלַייט רַייסְן אוּנְטֶער דִי וַוייבּ מִיט אִירֶע מִנְהָגִים, עִנְיָנִים, צְנִיעוּת וְכוּ', אוּן שְׁפֶּעטֶער רַייסְט מֶען זִיךְ דִי הָאר פוּן קָאפּ, שְׁפֶּעטֶער וֶוען דִי יוּנְגֶע הִיצִיגֶע יָארְן גֵייעֶן אַרִיבֶּער, דֶעמָאלְט וִויל מֶען דִי ווּאוֹילֶע עֶרְלִיכֶע פַארְמַאכְטֶע מַאמֶע וָואס הִיט דִי קִינְדֶער וְכוּ'.

...

## ווּאוֹינְסְט אִין שְׁטֶעטְל. אִיךְ הָאף בִּיסְט נָאכְאַלְץ מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ"ה כִּסְלֵיו, א' דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ וֵויים נִישְׁט פוּן דִיר, אִיךְ הֶער נִישְׁט פוּן דִיר, אִיךְ מַיין זָאלְסְט עֶנְדֶערְשׁ צוּרִיק מוּפְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דָארְט הָאבּ אִיךְ מֶער גֶעהֶערְט פוּן דִיר, וִוי יֶעצְט וֶוען דוּ ווּאוֹינְסְט אִין שְׁטֶעטְל. אִיךְ הָאף דוּ בִּיסְט נָאכְאַלְץ מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן, דוּ לֶערְנְסְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט זַיינֶע עֵצוֹת.

בֶּאֱמֶת, דִי שְׁטֶעטְל אִיז נִישְׁט סוֹף פָּסוּק. אִיךְ גֶעדֶענְק אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיי מוֹהֲרָא"ש אִין יַבְנְאֵל אוֹיף שַׁבָּתִים אוּן עֶס זֶענֶען דָארְט אוֹיךְ גֶעוֶוען וָואס

הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט מִיטְן רֶבִּי'ן; עֶס אִיז נִישְׁט סוֹף פָּסוּק דָאס קוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל, מֶען דַארְף אַלְץ פְּרִישׁ זִיךְ מִתְקָרֵב זַיין, זוּכְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס וואוֹינֶען אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס וואוֹינֶען אִין הֶערְן שִׁיעוּרִים וְכוּ'.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער בַּאנֵיי זִיךְ, בַּאַווייז זִיךְ, שְׁרַייבּ מִיר, לָאמִיר זִיךְ צוּרִיק מְקָרֵב זַיין צוּם רֶבִּי'ן אוּן מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן.

...

## אֲפִילוּ בִּיסְט פַארְשֶׁעמְט, צֶעקְלַאפְּט, צֶעשְׁטָאכְן; גֵיי דַאוֶּוענְן מִיט מִנְיָן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ה כִּסְלֵיו, א' דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׂכֹּחַ פַּארְן הֶעלְפְן דִי יְשִׁיבָה חוֹדֶשׁ'לִיךְ מִיטְן גֶעבְּן דַיין מַעֲשֵׂר פַאר דִי רֶענְט, דוּ הָאסְט אַ חֵלֶק אִין אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס קוּמֶען אַרוֹיס פוּן דִי הֵיילִיגֶע פְּלַאץ, יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ סְקִילְמַאן סְטְרִיט, וּבִזְכוּת דִי מִצְוָה זָאלְסְטוּ זֶען בְּרָכוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת.

זַיי זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ אוֹיף דַאוֶּוענֶען מִיט מִנְיָן, (אִיךְ מַיין נִישְׁט צוּ זָאגְן וֶוען דוּ פְּלִיסְט מִיט אַ פְלִיגֶער זָאלְסְטוּ בַּאצָאלְן פַאר אַ מִנְיָן וְכוּ' וְכוּ'), אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט מִיד - זָאלְסְטוּ גֵיין דַאוֶּוענֶען, אוּן אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט פַּארְשֶׁעמְט, צֶעקְלַאפְּט, צֶעשְׁטָאכְן וְכוּ' - גֵיי דַאוֶּוענְן מִיט מִנְיָן, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין מֶען זָאל אָנְנֶעמֶען דַיינֶע תְּפִלּוֹת, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ח.): "אֵין תְּפִלָּתוֹ שֶׁל אָדָם נִשְׁמַעַת אֶלָּא אִם כֵּן מֵשִׂים נַפְשׁוֹ בְּכַפּוֹ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אָן דִי תְּפִלּוֹת נָאר וֶוען מֶען הָאט אִינְזִין וָואס מֶען דַאוֶּוענְט, פְּרֶעגְט דִי גְמָרָא, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ (תְּהִלִּים עח, לו-לז): "וַיְפַתּוּהוּ בְּפִיהֶם, וּבִלְשׁוֹנָם יְכַזְּבוּ לוֹ, וְלִבָּם לֹא נָכוֹן עִמּוֹ, וְלֹא נֶאֶמְנוּ בִּבְרִיתוֹ", דִי אִידְן הָאבְּן גֶעפָּאפְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט זֵייעֶר מוֹיל, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אִינְזִין גֶעהַאט וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְכוּ', דָאךְ שְׁטֵייט נָאכְדֶעם (תְּהִלִּים עח, לח): "וְהוּא

רַחוּם יְכַפֵּר עָוֹן" וְגוֹ', אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶענוּמֶען זַייעֶרֶע תְּפִלּוֹת אוּן עֶר הָאט זֵיי מוֹחֵל גֶעוֶועז אוֹיף זַייעֶרֶע עֲבֵירוֹת, עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא: "לֹא קַשְׁיָא, כַּאן בְּיָחִיד כַּאן בְּצִבּוּר", אוֹיב מֶען דַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן דֶעמָאלְט נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָן יֶעדֶע תְּפִלָּה אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט אִינְזִין וְכוּ'.

...

## הֶעלְפְן שַׁאפְן פַּרְנָסָה פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ה כִּסְלֵיו, א' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

וֶוען דֶער רַמְבַּ"ם רֶעכְנְט אוֹיס דִי מַעֲלוֹת פוּן צְדָקָה, וָואס אִיז אַ גְרֶעסֶערֶע צְדָקָה אוּן וָואס אִיז נָאךְ מֶער חָשׁוּב, זָאגְט דֶער רַמְבַּ"ם (פֶּרֶק י' מֵהִלְכוֹת מַתְּנוֹת עֲנִיִּים, הֲלָכָה ז): "מַעֲלָה גְּדוֹלָה שֶׁאֵין לְמַעְלָה מִמֶּנָּה", דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה וָואס אִיז דָא - "זֶה הַמַּחֲזִיק בְּיַד יִשְׂרָאֵל שֶׁמָּךְ, מַמְצִיא לוֹ מְלָאכָה כְּדֵי לְחַזֵּק אֶת יָדוֹ", אַז מֶען לֵייגְט אַרַיין אַן אָרֶעמַאן אִין בִּיזְנֶעס, אָדֶער מֶען שַׁאפְט אִים אַ פַּרְנָסָה, "עַד שֶׁלֹּא יִצְטָרֵךְ לַבְּרִיּוֹת לִשְׁאֹל", וַוייל אַזוֹי דַארְף עֶר נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ נֶעמֶען צְדָקָה, עֶר שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט אוּן עֶר קֶען אַהֵיים בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה.

אָחִי הַיָּקָר, זַיי שְׁטַארְק אִין דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן הֶעלְפְן שַׁאפְן פַּרְנָסָה פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דָאס אִיז וָואס וֶועט דִיר צוּנִיץ קוּמֶען בְּעֵת צָרָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צְדָקָה, סִימָן לה): "בְּעֵת צָרָה מַזְכִּירִין לוֹ הַצְּדָקוֹת שֶׁנָּתַן", מֶען דֶערְמַאנְט דִי צְדָקָה וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, בְּעֵת צָרָה; אוֹיךְ וֶועט דִיר דָאס רַאטֶעוֶוען פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן ח): "עַל יְדֵי צְדָקָה נַעֲשֶׂה סוּר מֵרָע", דוּרְךְ צְדָקָה וֶוערְט מֶען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, "וְנִקְרָא צַדִּיק גָּמוּר", אוּן מֶען אִיז אַ צַדִּיק גָּמוּר (שָׁם, סִימָן ז).

...

## רֶעדְן, שְׁמוּעֶסְן, דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוערְן גֶעהָאלְפְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ו כִּסְלֵיו, ב׳ דְּחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ זֶען דַיין נָאמֶען בַּיי דִי לִיסְטֶע פוּן דִי וָואס הֶעלְפְן דִי יְשִׁיבָה צָאלְן דִי רֶענְט יֶעדְן חוֹדֶשׁ, דִיךְ הָאבּ אִיךְ שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעזֶען אוּן נִישְׁט גֶעהֶערְט, אָבֶער אַז דוּ גֶעבְּסְט נָאךְ צְדָקָה פַאר דִי פְּלַאץ וָואס אִיז מְגַלֶּה וּמְפַרְסֵם דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט - אִיז דָאס זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת.

וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי׳ן אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען מִיט אַזוֹיפִיל חֲלִישׁוּת הַדַּעַת אוּן מִיט בִּלְבּוּלִים וְכוּ׳, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶענוּמֶען אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר, עֶר הָאט גֶעלֵייגְט דִי הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָן׳ס אַקְסְל אוּן אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דִי סוֹד פוּן רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. רֶבִּי נָתָן הָאט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט אַז דָאס הָאט אִים גֶעגֶעבְן אַ שְׁטַארְקֶע זֶעלְבְּסְט-זִיכֶערְקֵייט (קַאנְפִידֶענְס), דִי וֶוערְטֶער הָאבְּן אִים זֵייעֶר אוֹיפְגֶעלֶעבְּט אוּן אוֹיפְגֶעבּוֹיט, אַז וָואס עֶס וֶועט נָאר אַרִיבֶּערְגֵיין אוֹיף אִים, וָואס זָאל נָאר זַיין - הָאט עֶר דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן, שְׁמוּעֶסְן, דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וֶוערְן גֶעהָאלְפְן.

אַשְׁרֵינוּ טוֹיזְנְט מָאל.

...

## צֶעבְּרָאכְן דֶעם טֶעלֶעפָאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ו כִּסְלֵיו, ב׳ דְּחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין אַזוֹי אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן וָואס דוּ הָאסְט מִיר דֶערְצֵיילְט, אַז וֶוען

דו בִּיסְט גֶעוֶוען בַּיים שָׁאצֶער רֶבִּינְ׳ס צִיוּן אִין לָאנְדָאן הָאסְטוּ צֶעבְּרָאכְן דַיין טֶעלֶעפָאן און זִיךְ פָּארְגֶעוּנומֶען נִישְׁט צוּ הָאבְּן דִי שֶׁעדְלִיכֶע כֵּלִים, אִיךְ בִּין אַזוֹי אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִיר, וִוי שְׁטַארְק דוּ בִּיסְט, וִוי שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ תְּחִיֶ׳ אִיז; נִישְׁט צוּ וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ דִי גוֹי׳אִישֶׁע וֶועלְט.

בִּזְכוּת וָואס דוּ און דַיין וַוייבּ פִירְן זִיךְ אַזוֹי אֵיידְל און עֶרְלִיךְ - זָאלְן עֶנְק זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיסֶע נִיסִים, יְשׁוּעוֹת און רְפוּאוֹת.

...

## אֲפִילוּ מֶען אִיז פַארְלָאשְׁן, קֶען מֶען זִיךְ צוּרִיק אָנְצִינְדְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ״ו כִּסְלֵיו, ב׳ דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט חֲנוּכָּה בַּיים לֶערְנֶען דִי סוּגְיָא פוּן כָּבְתָה, דֶערְמַאן אִיךְ זִיךְ, מִיט יָארְן צוּרִיק הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט בְּחַבְרוּתָא דִי סוּגְיָא פוּן כָּבְתָה, אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּרִיק צוּ אוּנְזֶער חַבְרוּתָא; אֶפְשָׁר וָואלְסְטוּ אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה און מִיר וֶועלְן לֶערְנֶען אַבִּיסְל אִינְאֵיינֶעם.

אֶפְשָׁר בִּיסְטוּ אָנְגֶעוֵוייטָאגְט אוֹיף מִיר? אֶפְשָׁר וֶועגְן דֶעם קוּמְסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיף אִין יְשִׁיבָה? אַמָאל דַארְף אִיךְ זָאגְן פַאר בָּחוּרִים צוּ קוּמֶען צַייטְלִיךְ און אַמָאל וֶוען זָאגְן הֶעלְפְט נִישְׁט - שִׁיק אִיךְ אַהֵיים פַאר אַ טָאג, אָבֶּער אִיךְ מַיין נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, אִיךְ ווִיל נָאר דִי טוֹבָה פוּן דִי בָּחוּרִים און דִי תַּלְמִידִים.

צַדִיקִים זָאגְן, "כָּבְתָה", אֲפִילוּ מֶען אִיז פַארְלָאשְׁן - "זָקוּק לָהּ", קֶען מֶען זִיךְ צוּרִיק אָנְצִינְדְן און וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

טֵייעֶרְער ... רֶעד אַפָּאר וֶוערְטֶער יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס וֶועט דִיךְ מַאכְן פַאר אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד.

...

## רֶעדְן אֵיידְל אוּן וֵוייךְ, נִישְׁט וֵויי טוּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ו כִּסְלֵיו, ב׳ דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ה לִפְּרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה פוּן דַיין הִתְנַהֲגוּת, פוּן דַיין יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן פוּן דַיין הַתְמָדַת הַתּוֹרָה, אִיךְ וִויל שׁוֹין אָנְטְרָאגְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ פַּאר דִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דַיין לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

אֵיין זַאךְ וִויל אִיךְ דִיר מְחַזֵק זַיין, עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ מִיר דִי חָשׁוּבְ׳עֶ מִשְׁפָּחָה, מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִחְיוּ, זֵיי בֶּעטְן מִיר אִיךְ זָאל רֶעדְן צוּ דִיר, דוּ זָאלְסְט זַיין מֶער פָארְזִיכְטִיג מִיט זֵייעֶר זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר וֶוערְט זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן אוּן צֶעקְלַאפְּט וֶוען מֶען מַאכְט אִים אָוֶועק, וֶוען מֶען מַאכְט אִים שְׁפִּירְן אַז עֶר אִיז נִישְׁט קְלוּג וְכוּ׳. אִיךְ בֶּעט דִיר פוּן דִי טִיפֶענִישׁ פוּן מַיין הַארְץ, גֶעבּ אַכְטוּנְג וֶוען דוּ רֶעדְסְט מִיט אִים, זַיי אִים מְחַזֵק, זַיי אִים מְקַרֵב, עֶס קֶען זַיין אַז דוּ טְשֶׁעפֶּעסְט אִים נִישְׁט, נָאר דִי שְׁטַארְקֶע וֶועג פוּן רֶעדְן - צֶעקְלַאפְּט אִים.

בִּזְכוּת וָואס דוּ וֶועסְט אִים מְחַזֵק זַיין אוּן מְקַרֵב זַיין - וֶועסְטוּ בְּקָרוֹב זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אוּן צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; מִיט דִי קִינְדֶער פוּן מִשְׁפָּחוֹת פוּן גֵרִים דַארְף מֶען זִיךְ פִירְן גָאר שֵׁיין אוּן גָאר וֵוייךְ, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט זִיךְ שְׁנֶעלֶער אָן פַאר זֵיי, וֶוען זֵיי וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן צוּ אִים.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער שֵׁיין, אִיךְ וִויל דִיר נָאר בֶּעסֶער מַאכְן, אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, אַזוֹי וִוי אַן אֵייגְן קִינְד.

...

## נִישְׁט לֶעבְּן אוֹיף קְרֶעדִיט קַארְדְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ו כִּסְלֵיו, ב׳ דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ בִּיסְט שְׁטַארְק מִיט וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אוֹיף נִישְׁט מַאכְן פְרִישֶׁע חוֹבוֹת, אוּן נִישְׁט לֶעבְּן אוֹיף קְרֶעדִיט קַארְדְס, פוּן צָאלְן רִיבִּית הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן מו): ״מִי שֶׁרוֹצֶה לָשׁוּב״, וֶוער עֶס וִויל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, ״יִזָּהֵר מִלִּהְיוֹת בַּעַל חוֹב״, זָאל זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן הָאבְּן חוֹבוֹת.

גֵיי יֶעדְן טָאג הַפָּצָה, אוּן דִי גֶעלְט וָואס מֶענְטְשְׁן גֶעבְּן פַאר צְדָקָה - זָאלְסְטוּ צֶעטֵיילְן; בַּאצָאל חוֹבוֹת, אוּן מִיט דִי אִיבְּרִיגֶע גֶעלְט קוֹיף נָאךְ סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים וְכוּ׳, אוּן דִי אִיבְּרִיגֶע גֶעלְט גֶעב פַאר צְדָקָה פַארְן רֶבִּי׳ן. אַז דוּ וֶועסְט גֵיין פְלֵייסִיג הַפָּצָה - וֶועסְטוּ בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע חוֹבוֹת.

...

## דָאס לֶעבְּן וֶוערְט זִיס אוּן צוּקֶער וֶוען מֶען לֶערְנְט גְמָרָא

בְּעֶזְרַת ה יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ו כִּסְלֵיו, ב׳ דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, לֶעיקְוָואד**

לֶערְן יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, אַז דוּ קֶענְסְט לֶערְנֶען דֶעם דַף וָואס מִיר אַלֶע לֶערְנֶען - מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים, אַז נִישְׁט - לֶערְן אוֹיף דַיין סֵדֶר; אָבֶּער זֶע עֶס זָאל נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין דֶעם טָאג אָן לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא.

דֶער צַדִּיק וְקָדוֹשׁ רֶבִּי שְׁלֹמֹה׳קֶע מִזְּעוִויל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: ״וֶוער עֶס לֶערְנְט נִישְׁט גְמָרָא, יֶענֶעם טָאג הָאט עֶר אַ פָּנִים וִוי אַ בְּהֵמָה״; עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: ״אוֹי... אִיךְ הָאב מוֹרָא פוּן אַ בְּהֵמָה...״ וֶוען עֶר פְלֶעגְט זֶען

אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט נִישְׁט, עֶר פְּלֶעגְט בְּרוּמֶען: "אוֹי... אִיךְ צִיטֶער פוּן דִי בְּהֵמָה..."

דָאס לֶעבְּן אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען לֶערְנְט גְמָרָא, עֶס וֶוערְט זִיס אוּן צוּקֶער.

...

## וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה, דַארְף מֶען פְּרִישׁ מְקוּרָב וֶוערְן צוּם צַדִּיק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ו כִּסְלֵיו, ב׳ דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ זֶען דַיין נָאמֶען בַּיי דִי נַדְבָנִים וָואס הֶעלְפְן חוֹדֶשׁ׳לִיךְ צָאלְן רֶענְט פַאר דִי יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן דִיר, אִיךְ הָאףְ אַז אַלֶעס אִיז גוּט בַּיי דִיר, אוּן דוּ לֶעבְּסְט מִיט שָׁלוֹם אוּן אַהֲבָה מִיט דַיין וַוייבּ.

וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה - דַארְף מֶען פוּן פְרִישׁ מְקוּרָב וֶוערְן צוּם צַדִּיק, בִּפְרַט בַּיי זִיווּג שֵׁנִי; פְּרִישׁ אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, פְּרִישׁ אָנְהוֹיבְּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּן טוּן דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן.

שְׁרַייבּ מִיר דַיינֶע סִיוּמִים, וֶועסְטוּ מִיךְ מְחַיֶּה זַיין.

...

## אַ צֶעמִישְׁטֶער אוּן צֶעפְלוֹיגֶענֶער מֶענְטְשׁ, אָן יִשּׁוּב הַדַּעַת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ו כִּסְלֵיו, ב׳ דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בַּתּוֹרָה וּבִתְפִלָּה וּבִגְמִילוּת

חֲסָדִים, וְעַל כּוּלָם שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; זַיי נִישְׁט מְוַותֵּר אוֹיף דֶעם, מַאךְ זִיךְ אַ צַייט וָואס דוּ גֵייסְט אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רכח), מֶען קֶען זַיין אַן אִישׁ כָּשֵׁר אָן הִתְבּוֹדְדוּת, אָבֶּער מֶען אִיז אַ צֶעמִישְׁטֶער אוּן צֶעפְּלוֹיגֶענֶער מֶענְטְשׁ, אָן יִשּׁוּב הַדַּעַת, אוּן דוּרְךְ רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז מֶען אוֹיסְגֶערוּט מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת, אַזוֹי וְוי אֵיינֶער אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען נָאךְ אַ גוּטֶע שְׁלָאף.

פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, דִי שְׁוֶועריקֵייטְן וֶועלְן אַרִיבֶּערְגֵיין, דַאנְק אוּן לוֹיבּ ...

## נִישְׁט גֵיין אִין טִיאַטֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, כ"ט כִּסְלֵיו, ה' דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אוֹיף דַיין פְּרַאגֶע, אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט גֵיין מִיט דַיין וַוייבּ אִין טִיאַטֶער; חַס וְשָׁלוֹם, "הַרְחֵק מֵעָלֶיהָ דַרְכֶּךָ, וְאַל תִּקְרַב אֶל פֶּתַח בֵּיתָהּ", גֵיי נִישְׁט אַהִין, דֶערְוַוייטֶער זִיךְ פוּן דֶעם (מִשְׁלֵי ה, ח), "דַּרְכֵי שְׁאוֹל בֵּיתָהּ", דָארְט אִיז דֶער גֵיהִנוֹם, "יֹרְדוֹת אֶל חַדְרֵי מָוֶת", דָארְט אִיז דִי טְרֶעפּ צוּם טוֹיט (שָׁם ז, כז).

מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, מַיין הַארְצִיגֶער חָבֵר, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר, אוֹיף דַיין נְשָׁמָה, אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער, בְּלַייבּ אַ אִיד, בְּלַייבּ עֶרְלִיךְ, אַנְטְלוֹיף פוּן קוּקְן מָאוּוִיס, דֶער סוֹף פוּן דֶעם אִיז גָאר בִּיטֶער.

הוֹיבּ צוּרִיק אָן לֶערְנֶען - וֶועסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וֶועסְט שְׁפִּירְן אַ צוּפְרִידְנְקֵייט. אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען דוּ פְלֶעגְסְט מִיר שְׁרַייבְּן יֶעדֶע פָּאר וָואכְן "סִיַּמְתִּי עוֹד הַפַּעַם", אִיךְ הָאבּ נָאכְאַמָאל גֶעמַאכְט אַ סִיּוּם מַסֶּכֶת, הַלְוַואי וֶוען אִיךְ הוֹיבּ אָן נָאכְאַמָאל בַּאקוּמֶען פוּן דִיר דִי בְּרִיוו. תּוֹרָה מַאכְט פְרֵיילִיךְ, נָאר תּוֹרָה מַאכְט צוּפְרִידְן, נָאר תּוֹרָה זֶעטִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ.

אַז דוּ וֶועסְט פָאלְגְן וֶועסְטוּ נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן.

...

## אָנְטוּן אַ טִיכְל אָדֶער שֵׁייטְל נָאךְ דִי חֲתוּנָה?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, כ״ט כִּסְלֵיו, ה׳ דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**הַכַּלָּה ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז אִיר ווילְט גֵיין צְנִיעוּת׳דִיג, אִיר ווילְט אָנְטוּן אַ טִיכְל נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אָבֶּער אַז אַייעֶר מַאמֶע וויל בְּשׁוּם אֵין אוֹפָן אִיר זָאלְט גֵיין אַ טִיכְל און אוֹיךְ דִי חָתָן׳ס מַאמֶע גֵייט נִישְׁט קַיין טִיכְל - אִיז נִישְׁט כְּדַאי זִיךְ צוּ קְרִיגְן, עֶנְדֶערְשׁ זָאלְט אִיר חֲתוּנָה הָאבְּן אַזוֹי ווִי אַייעֶר מַאמֶע און דֶער חָתָן׳ס מַאמֶע, און אַז אִיר וֶועט וֶועלְן שְׁפֶּעטֶער אוֹיסְטוּן דִי שֵׁייטְל און גֵיין מִיט אַ טִיכְל - אִיז אַנְדֶערְשׁ.

אוֹיף אֵיין זַאךְ זָאלְט אִיר זִיךְ עַקְשְׁנ׳עֶן, אוֹיף בְּלַייבְּן פְרֵיילִיךְ; אוֹיף דִי אֵיין זַאךְ זָאלְט אִיר זִיךְ שְׁטֶעלְן אִין דִי לֶענְג און דִי בְּרֵייט, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, אִיר בְּלַייבְּט פְרֵיילִיךְ, אִיר בְּלַייבְּט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים און נִיסִים וָואס עֶר טוּט שְׁטֶענְדִיג מִיט אַייךְ.

אִיר זָאלְט זִיךְ קָאנְצֶעטְרִירְן אוֹיף אֵיין זַאךְ, אוֹיף שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה, נִישְׁט זִיךְ קְרִיגְן מִיט אַייעֶר מַאמֶע תִּחְיֶ׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

## בֶּענְקְשַׁאפְט צוּ אַייעֶר טַאטֶע עָלָיו הַשָּׁלוֹם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, כ״ט כִּסְלֵיו, ה׳ דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִסָּרוֹן אֱמוּנָה אַז אִיר בֶּענְקְט זִיךְ צוּ אַייעֶר טַאטֶע עָלָיו הַשָּׁלוֹם, און אַז אִיר קֶענְט נִישְׁט עֶסְן און שְׁלָאפְן פוּן גְרוֹיס בֶּענְקְשַׁאפְט צוּ אַייעֶר טַאטֶע עָלָיו הַשָּׁלוֹם - אִיז דָאס זֵייעֶר נָארְמַאל.

שְׁטַארְקְט זִיךְ, גֵייט אָן מִיט אַייעֶרֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים, דָאס מַאכְט אַ נַחַת רוּחַ פַאר אַייעֶר טַאטֶע עָלָיו הַשָּׁלוֹם. דָאס אַז אִיר לֶערְנְט מִיט תַּלְמִידוֹת אֱמוּנָה, יִרְאַת שָׁמַיִם און מִידוֹת טוֹבוֹת - דָאס מַאכְט אַ גְרוֹיסֶע רַעַשׁ בַּשָּׁמַיִם, דָאס אִיז אַזוֹי וִוי זָאגְן קַדִּישׁ פַאר אַ נְשָׁמָה, דָאס אִיז דִי אָפְּטַייטְשׁ פוּן "יִתְגַּדֵּל וְיִתְקַדֵּשׁ שְׁמֵיהּ רַבָּא", מֶען מַאכְט גְרוֹיס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס נָאמֶען, דִי נְשָׁמָה אִין הִימְל וָואס לָאזְט אִיבֶּער אַ קִינְד אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס אִיז עוֹסֵק אִין לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער אֱמוּנָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם - גֵייט אַרוֹיף זֵייעֶר הוֹיךְ, הֶעכֶער און הֶעכֶער.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, רֶעדְן און שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף אִידִישׁ; דֶערְצֵיילְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַייעֶרֶע מַחֲשָׁבוֹת, אַייעֶרֶע גֶעפִילְן, אַלֶעס אַלֶעס; דָאס וֶועט אַייךְ בַּארוּאִיגְן, דָאס וֶועט אַייךְ הֵיילְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

## דִי שְׁלִיסְל צוּ זַיין אַ פְרֵיילִיכֶער אִיד און אַ צַדִּיק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ, כ"ט כִּסְלֵיו, ה' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ הָאבּ צוּגֶעזָאגְט פַאר אַלֶע בָּחוּרִים וָואס שְׁלָאפְן אִין דָארְמִיטָארִי, אוֹיבּ וֶועט נִישְׁט אַרַיינְקוּמֶען כֵּלִים וָואס מֶען קֶען זֶען אוֹיף דֶעם מָאוִויס, קְלִיפְּס וְכַדוֹמֶה - וֶועלְן אַלֶע דִירוֹת וֶוערְן לֵיידִיג דִי יָאר, אַלֶע וֶועלְן חַתֲנִים וֶוערְן און חֲתוּנָה הָאבְּן, יֶעצְט הֶער אִיךְ אַז דוּ קוּקְסְט מָאוִויס אִין דָארְמִיטָארִי, ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן, אָדֶער זָאלְסְטוּ דָאס צֶעבְּרֶעכְן און מִיר בְּרֶענְגֶען צֶעבְּרָאכֶענֶערְהֵייט, אָדֶער זָאלְסְטוּ שׁוֹין אַרוֹיסְגֵיין און זִיךְ זוּכְן אַ צְוֵוייטֶע אַכְסַנְיָא, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן דִי שְׁטַארְקְקֵייט צוּ תְּשׁוּבָה טוּן און וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

קוּקְן מָאוּיס מַאכְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, עֶס מַאכְט מֶער דֶעפְּרֶעסְט אוּן מֶער פַארְלוֹירְן, קוּקְן עֲבֵירוֹת אִיז אַזוֹי שְׁלֶעכְט, מֶען פַאלְט אִין גְרָאבֶּע עֲבֵירוֹת, מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס. דִי שְׁלִיסְל צוּ זַיין אַ פְרֵיילִיכֶער אִיד אוּן אַ צַדִיק - אִיז שְׁמִירַת עֵינַיִם, זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן; אַז מֶען הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן הָאט מֶען אַלֶעס גוּטְס, אוּן אַז מֶען אִיז מַפְקִיר דִי אוֹיגְן - פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס; מֶען פַארְלִירְט דִי שִׁידוּךְ, מֶען פַארְלִירְט דִי שָׁלוֹם בַּיִת, מֶען פַארְלִירְט דִי פַּרְנָסָה, מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר וָואס דַיין בַּאשְׁלוּס אִיז.

...

## שְׂכַר לִימוּד אִיז נִישְׁט קַיין קְנַס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ו׳ דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט צָאלְן שְׂכַר לִימוּד פַאר דַיינֶע קִינְדֶערְ׳ס מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְ׳ס, נָאר אַזוֹי וֶועט זַיין אַ בְּרָכָה בַּיי דִי קִינְדֶער.

אִיךְ וֵוייס דוּ בִּיסְט זֵייעֶר עֶנְג מִיט גֶעלְט, דָאס אִיז אָבֶער נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ, שְׂכַר לִימוּד מוּז מֶען בַּאצָאלְן. אִיךְ בֶּעט פוּן אָפִּיס כְּסֵדֶר אַ לִיסְטֶע וֶוער זֶענֶען דִי עֶלְטֶערְן וָואס צָאלְן אוּן וֶוער זֶענֶען דִי וָואס צָאלְן נִישְׁט; אִיךְ ווִיל זֶען דַיין נָאמֶען אַז דוּ בִּיסְט אוֹיסְגֶעצָאלְט דַיין גַאנְצֶע חוֹב אוּן דוּ צָאלְסְט פָארְאוֹיס יֶעדֶע חוֹדֶשׁ.

שְׂכַר לִימוּד אִיז נִישְׁט קַיין קְנַס עֶס אִיז דִי עָתִיד פוּן דַיינֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה אוּן אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## לֶערְנֶען הֲלָכוֹת וָואס אִיז וִויכְטִיג פַּאר פְּרוֹיעֶן צוּ וִויסְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ו׳ דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

בְּנוֹגֵעַ לֶערְנֶען מַזָּלוֹת מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ; מֶען קֶען דָאס לֶערְנֶען מִיט זֵיי, דָאס אִיז אוֹיךְ אַ חֵלֶק פוּן דִי תּוֹרָה, אָבֶער נָאר נָאכְן לֶערְנֶען וָואס אִיז מֶער וִויכְטִיג, עֶרְשְׁט דַארְף מֶען אַוֶועקְשְׁטֶעלְן הֲלָכוֹת וָואס אִיז וִויכְטִיג פַּאר פְּרוֹיעֶן צוּ וִויסְן; הִלְכוֹת שַׁבָּת, הִלְכוֹת בְּרָכוֹת, הִלְכוֹת יִחוּד וְכַדוֹמֶה לָזֶה. אוֹיךְ וִוי צוּ הַאלְטְן אַ כָּשֶׁר׳עֶ קָאךְ, בָּשָׂר בְּחָלָב, און וִוי אַזוֹי מֶען אִיז בּוֹדֵק עֶסְן פוּן וֶוערֶעם; דָאס אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר וִויכְטִיג, וַוייל נָאר אַז מֶען לֶערְנְט אַלְס מֵיידְל הֲלָכוֹת קֶען מֶען פִירְן אַ כָּשֶׁר׳עֶ קָאךְ, און הִיטְן שַׁבָּת.

עֶס הָאבְּן מִיר דֶערְצֵיילְט אָן אַ שִׁיעוּר וַוייבְּלֶעךְ אַז זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִין זֵייעֶר סְקוּל כָּל מִינֵי טִיפֶע לִימוּדִים, אָבֶער פְּשׁוּטְ׳עֶ הֲלָכוֹת קֶענֶען זֵיי נִישְׁט, זֵיי זֶענֶען נֶעבֶעךְ מְחַלֵל שַׁבָּת אָן וִויסְן אַז דִי זַאכְן טָאר מֶען נִישְׁט טוּן.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ מֶען זָאל אַוֶועק שְׁטֶעלְן דָאס לֶערְנֶען הֲלָכוֹת פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע און וִויכְטִיגְסְטֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה און אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן אַ נִישְׁט עֶרְלִיכְן דֶענְטִיסְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ו׳ דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

נָאכְדֶעם וָואס עֶטְלִיכֶע פְּרוֹיעֶן זֶענֶען גֶעקוּמֶען דֶערְצֵיילְן זַאכְן וָואס טוֹיגְן נִישְׁט וֶועגְן דֶעם דֶענְטִיסְט, זָאלְט אִיר מְפַרְסֵם זַיין פַאר דִי פְּרוֹיעֶן אַז

דֶער דֶענְטִיסְט נֶעבְּן שְׁטֶעטְל טוֹיג נִישְׁט, מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין צוּ אִים, עֶר אִיז אַ מְנֻיָּול אוּן אַ שׁוּסְטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה אוּן אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## אוֹיפְשְׁטֵיין טָאג נָאךְ טָאג נָאךְ חֲצוֹת?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ו׳ דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

ווִי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ מֶען זָאל נִישְׁט דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית אִין צַייט? ווִי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ אוֹיפְשְׁטֵיין טָאג נָאךְ טָאג נָאךְ חֲצוֹת?!

אִיךְ בִּין נִישְׁט מַסְכִּים צוּ הָאבְּן תַּלְמִידִים אִין יְשִׁיבָה וָואס לֶעבְּן בְּהֶפְקֵרוּת אוּן שְׁטֵייעֶן אוֹיף נָאךְ חֲצוֹת.

אָדֶער טוֹישְׁסְטוּ זִיךְ, דוּ בִּיסְט מְקַבֵּל עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם, דוּ לֵייגְסְט זִיךְ צַייטְלִיךְ, דוּ דַאוֶוענְסְט שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב אִין צַייט, וֶועסְטוּ קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין אִין יְשִׁיבָה, אַז נִישְׁט - קֶענְסְטוּ נִישְׁט וַוייטֶער זַיין דָא.

...

## נָאר אֵיין אִינְטֶערֶעס, אַלֶע זָאלְן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ו׳ דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הֶער זֵייעֶר גוּטֶע גְרִיסְן אוֹיף דִיר, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ נַחַת פוּן דִיר, דוּ בִּיסְט פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע אִין שׁוּל, מֶען זֶעט דִיךְ אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, אִיךְ ווִיל אוּנְזֶער נָאנְטְקֵייט זָאל וֶוערְן שְׁטֶערְקֶער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין אֵייגֶענֶע אִינְטֶערֶעס וֶוען אִיךְ עֶנְטְפֶער שְׁאֵלוֹת, וֶוען אִיךְ גֶעבּ עֵצוֹת, נָאר דִי אֵיין אִינְטֶערֶעס הָאבּ אִיךְ, עֶס זָאל יֶענֶעם אוֹיךְ גוּט זַיין, אַלֶע זָאלְן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן הָאבְּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן.

גֵיי אָן מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

שְׁכּ֗חַ פַארְן הֶעלְפְן צָאלְן רֶענְט פַאר דִי יְשִׁיבָה.

...

**בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אִין רֶבִּינְ׳ס סְקוּל**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, א׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ו׳ דַּחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה צוּ הֶערְן אַז אִיר הָאט זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט פוּן דִי שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת מִיט בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידוֹת, ווִי אִיר הָאט גֶעזֶען מֵיידְלֶעךְ וָואס זֶענֶען פְרֵיילִיךְ, מֶען לֶעבְּט אָן קַיין דְרוּק, מֶען לֶעבְּט נִישְׁט פַאר אַ צְוֵוייטְן.

דָאס וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר זֶענְט טְרוֹיעֶרִיג אַז אִיר דַארְפְט צוּרִיק גֵיין צוּ אַייעֶר סְקוּל וואו אַלֶעס אִיז פְּרֶעשׁוּר וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן וֶוען אִיר בֶּעט פוּן אַייעֶרֶע טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן צוּ קוּמֶען צוּ בֵּית פֵיגָא, זָאגְן זֵיי: ״עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט דִי צַייט״, אִיר פְרֶעגְט וָואס אִיר קֶענְט טוּן.

תְּפִלָּה אִיז דִי עֵצָה, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט זַיין צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רֶבִּי״ן, לֶעבְּן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי״ן, בְּעִיקָר מִיט דִי עֵצָה פוּן שִׂמְחָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן כד), עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, ווִי אַזוֹי אִיז מֶען פְרֵיילִיךְ? ווִי אַזוֹי קוּמְט מֶען צוּ דִי גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה? דוּרְךְ זוּכְן דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט שְׁטֶענְדִיג אוּן אַרוֹיסְזָאגְן מִיטְן מוֹיל: ״שְׁכּ֗חַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער״ אוֹיף דִי חֲסָדִים.

מַאכְט זִיךְ אַ קְבִיעוּת יֶעדְן טָאג צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

אִין אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ, אִין אִידִישׁ, זָאגְט: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ בִּין אַ אִיד, שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט, שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר מַיינֶע טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ קֶען זֶען, שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ וֵוייס פוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי"ן", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דָאס דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טְרָאגְט אַרוֹיס אַלֶע פְּרֶעשׁוּר, מֶען פְלִיט אַרַיין אִין גַן עֵדֶן, מֶען וֶוערְט פְרֵיילִיךְ, מֶען וֶוערְט אִין אַ גוּטֶע מוּט.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט קֶענֶען לֶערְנֶען אִין רֶבִּינְ'ס סְקוּל, אוּן בֶּעטְס שׁוֹין פַאר אַייעֶרֶע דוֹרוֹת, אַלֶע זָאלְן זַיין בַּיים רֶבִּינְ'ס מוֹסְדוֹת, אַייעֶרֶע דוֹרוֹת זָאלְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אוּן אִיר זָאלְט זֵיי נִישְׁט שְׁטֶערְן, עֶס זָאל זַיין דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ אַז מֶען טְרָאגְט דֶעם רֶבִּינְ'ס נָאמֶען, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין בּוּשָׁה.

גֶעבְּט אַ גְרוּס פַאר אַייעֶרֶע טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

...

**גֶעבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער אִין שְׁטוּבּ, אָן קַיין חֶשְׁבּוֹנוֹת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, א' דְרָאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ו' דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר, הָאסְט אַ טֵייעֶרֶע וואוּילֶע וַוייבּ, מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, דִי שֶׁענְסְטֶע מַתָּנָה וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה, צוּ הָאבְּן אַן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער, אַ מַאמֶע וָואס פִירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ אוּן אֵיידְל, דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ פַארְן מֶענְטְשׁ.

גֶעבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער אִין שְׁטוּבּ, מַאךְ נִישְׁט קַיין חֶשְׁבּוֹנוֹת אוֹיבּ יָא זָאגְן אַ גוּט וָוארְט אָדֶער נִישְׁט זָאגְן, דוּ גֶעבּ נָאךְ אוּן נָאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער; דַיין וַוייבּ וַוארְט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער, אוֹיף דִי לִיבְּשַׁאפְט; וֶועסְט אִיר אַזוֹי מְחַיֶּ' זַיין

מִיט דִי גוּטֶע וואַרֶעמֶע וֶוערְטֶער, דוּ וֶועסְט מַאכְן רוּעֶן דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה אִין שְׁטוּב, וֶועט שׁוֹין מִמֵּילָא קוּמֶען אַלֶע בְּרָכוֹת וִישׁוּעוֹת.

...

## מִיר דַארְפְן טְרַאכְטְן וְוי אַזוֹי צוּ מַאכְן נָאךְ מְפִיצִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ו' דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

וואוֹיל אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ גֶעבּסְט אַוֶועק דַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן מִיט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ צוּ רַאטֶעוֶוען אוּנְזֶער דוֹר.

נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע תַּעֲנוּג אוּן נַחַת רוּחַ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וְוי עוֹסֵק זַיין אִין מְחַזֵק זַיין אוּן מְקָרֵב זַיין זַיינֶע קִינְדֶערְלֶעךְ.

מִיר דַארְפְן טְרַאכְטְן וְוי אַזוֹי צוּ מַאכְן נָאךְ מְפִיצִים, וְוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר מַאכְן אַז יֶעדֶער תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ זָאל אִים גֵיין בְּנַפְשׁוֹ צוּ עוֹסֵק זַיין בְּהַדְפָּסָה וּבְהַפָּצָה; אָדֶער אוֹיסְטֵיילְן דִי סְפָרִים, אָדֶער דְרוּקְן, אָדֶער גֶעבְּן צְדָקָה צוּ דְרוּקְן דִי סְפָרִים; וַוייל אִין הֲפָּצָה אִיז גֶעוָואנְדְן דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה.

...

## הֶעלְפְן שַׁאפְן הַלְוָאוֹת צוּ בּוֹיעֶן דִי קְהִלָּה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב' טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן שַׁאפְן הַלְוָאוֹת? רוּף אִינְגֶעלַייט פוּן דִי קְהִילָה אוֹיבּ זֵיי קֶענֶען מִיר בָּארְגְן גֶעלְט פַאר אַ יָאר אָדֶער צְוֵויי, אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען וַוייטֶער רוּקְן אִין זַאכְן אִין דִי קְהִילָה אוּן מִיט דִי מוֹסָד.

קֶענְסְט זָאגְן פַאר דִי אִינְגֶעלַייט וָואס הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי קְהִילָה אַז זֵיי וֶועלְן זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, וַוייל אַז מֶען הֶעלְפְט דֶעם רֶבִּי׳ן - וֶוערְט מֶען גֶעהָאלְפְן בָּזֶה וּבַבָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

## גֶעוַואלְד, עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי וָואס קֶען יֶעדְן הֶעלְפְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב׳ טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ שְׁטֵיי אוּן וואוּנְדֶער זִיךְ, נָאכְן אַרִיבֶּערְגֵיין וָואס אִיר זֶענְט אַרִיבֶּער, זָאלְט אִיר הַאלְטְן אַזוֹי שֵׁיין, אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ הֶערְלִיכֶע מִשְׁפָּחָה... קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט חָלוֹמְ׳עֶן וָואס אִיר זֶענְט אַרִיבֶּער פוּן אַלְס קְלֵיין מֵיידְל בִּיז יֶעצְט, אוּן ווִי שֵׁיין אִיר שְׁטֵייט הַיינְט מִיט אַ הֶערְלִיכֶע מִשְׁפָּחָה.

מֶען דַארְף וֶוען שְׁרֵייעֶן אִין דִי גַאסְן: ״גֶעוַואלְד, עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי, מִיט אַזֶעלְכֶע עֵצוֹת, וָואס קֶען הֶעלְפְן יֶעדְן אֵיינֶעם״; אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן וֶוען עֶר הָאט גֶעוָואלְט לוֹיפְן אִין דִי גַאסְן שְׁרֵייעֶן: ״גֶעוַואלְד, עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי!״ הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן כג): ״שְׁטֵיי, דוּ וֶועסְט סֵיי וִוי נִישְׁט פּוֹעֵלְ׳ן״.

זָאגְט יֶעדְן טָאג דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין, דָאס וֶועט אַייךְ גֶעבְּן שְׁטַארְקֶע כֹּחוֹת אוֹיף וַוייטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

## טַעֲנָה'ט זִיךְ נִשְׁט מִיט קֵיינֶעם אִיבֶּער גֶעבְּן וַואקְסִינֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב' טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

טַעֲנָה'ט זִיךְ נִשְׁט מִיט קֵיינֶעם וֶועגְן דִי זַאךְ פוּן גֶעבְּן וַואקְסִינֶען; וָואס גֵייט אַייךְ אָן וָואס אַייעֶר שְׁוָואגֶער אוּן שְׁוֶועגֶערִין טוּעֶן, דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר אוּן אַייעֶר מַאן גֵייעֶן נָאךְ אַ צַדִיק, עֶנְק פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אֲפִילוּ אִינְמִיטְן ווִינְטֶער וֶוען עֶס אִיז זֵייעֶר קַאלְט (אִין אוּקְרֵיינֶע אִין אַ גֶעוֶועגְלִיכְן ווִינְטֶער גֵייט אַרָאפּ דֶער גְרַאד בִּיז אוּנְטֶער זִירָא; עֶס קֶען אֲפִילוּ אַרָאפְּגֵיין בִּיז דְרַייסִיג דֶעגְרִי אוּנְטֶער זִירָא) דַארְף מֶען נֶעמֶען דִי קִינְדֶער צוּם דָאקְטֶער זֵיי צוּ גֶעבְּן שַׁאטְס וְכוּ', (עַיֵּין בְּסֵפֶר אֲבָנֶיהָ בַּרְזֶל, סִימָן לד).

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט קְלָאר (שו"ת בְּרֶסְלֶב חֵלֶק לב, מִכְתָּב ג' תתקפב): "וְלָכֵן מְבָרְחִים לְחַסֵּן אֶת הַיְלָדִים כְּשֶׁהֵם קְטַנִּים נֶגֶד כָּל מִינֵי מַחֲלוֹת וָחֳלָאִים רָעִים שֶׁנִּמְצָאִים וְכוּ', וְאָסוּר לִהְיוֹת חָכָם בְּעֵינָיו", מֶען מוּז גֶעבְּן שַׁאטְס פַאר דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען קְלֵיין קֶעגְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע קְרֶענְק וְכוּ', אוּן מֶען טָאר נִשְׁט זַיין קַיין אוֹיבֶּער חָכָם בַּיי דֶעם.

טַעֲנָה'ט נִשְׁט מִיט קֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

## מְחַזֵק זַיין אַלֶע פְרוֹיעֶן צוּ קוּמֶען צוּ דִי פַארְבְּרֶענְג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב' טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

עֶס אִיז כְּדַאי אַז דִי גַבְּאַי'טֶעס, דִי אַלֶע פְרוֹיעֶן וָואס מַאכְן דִי 'פְרוֹיעֶן צַאמְקוּם' אִין שְׁטֶעטְל - זָאלְן אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם, זֶען ווִי אַזוֹי מֶען קֶען

מְחַזֵּק זַיין אַז אַלֶע פְּרוּיעֶן זָאלְן קוּמֶען צוּ דִי פַארְבְּרֶענְג. אִין אָנְהוֹיב, וֶוען דִי שְׁטֶעטְל אִיז גֶעוֶוען קְלֵיין, עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיין פַארְבְּרֶענְג - הָאט מֶען גֶעקֶענְט זֶען וֶוער עֶס פֶּעלְט, וֶוער עֶס קוּמְט נִישְׁט, וֶוער עֶס דַארְף חִיזוּק אוֹיף קוּמֶען צוּ דִי 'פְּרוֹיעֶן פַארְבְּרֶענְג', אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁטוּב זִיךְ טְרֶעפְן אֵיינְמָאל אַ וָואךְ מִיט אַנְדֶערֶע פְּרוֹיעֶן אוּן אָנְשֶׁעפְּן פְרִישֶׁע כֹּחוֹת צוּ קֶענֶען זַיין אַ מַאמֶע, אָבֶער יֶעצְט וֶוען דִי שְׁטֶעטְל אִיז גְרוֹיס, אוּן מֶען קוּמְט זִיךְ צוּזַאם אִין אַפָּאר פְּלֶעצֶער, וַוייסְט מֶען נִישְׁט וֶוער עֶס פֶּעלְט, וֶועם מֶען זָאל מְחַזֵּק זַיין אוּן בַּאזוּנְדֶער אַיינְלַאדֶענֶען וְכוּ'; וָואלְט גוּט גֶעוֶוען אַז אִיר זָאלְט טְרַאכְטְן אַ פְּלַאן ווִי אַזוֹי מֶען קֶען אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם, לְטוֹבַת הַכְּלָל.

אוֹיךְ קֶען מֶען נֶעמֶען עֵצוֹת אֵיינֶער פוּן צְוֵוייטְן ווִי אַזוֹי מֶען קֶען מַאכְן אַ גוּטֶע אַטְמָאסְפֶער נָאכְן שִׁיעוּר; מֶען זָאל אִינְאֵיינֶעם פַארְבְּרֶענְגֶען אוּן אָנְגְרֵייטְן אַ גוּטֶע פְּרָאגְרַאם אַז אַלֶע זָאלְן הֲנָאָה הָאבְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

## לָאז דַיין וַוייבּ בְּלַייבְּן רֵיין אוּן עֶרְלִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ה' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

רַייס נִישְׁט אַרָאפּ דַיין וַוייבּ מִיט אִיר צְנִיעוּת; יֶעצְט בִּיסְטוּ הִיצִיג, פוּל מִיט הֵייסֶע בְּלוּט וָואס דוּ דַארְפְסְט נָאךְ אוֹיסְשְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁפֶּעטֶער וֶועסְטוּ זִיךְ רַייסְן דִי הָאר בַּיים קָאפּ פַארְן אַרָאפְּרַייסְן דִי שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע לְבוּשׁ.

לוֹיבּ אוֹיס דַיין וַוייבּ מִיט אִיר צְנִיעוּת, לוֹיבּ אִיר אוֹיס אַז זִי גֵייט ווִי אִיר מַאמֶע אוּן זִי גֵייט נִישְׁט וֵוויינִיגֶער אֵיידְל אָנְגֶעטוּן; מֶען מֶעג מְשַׁנֶּה זַיין פוּן דִי מַאמֶעס לְבוּשׁ נָאר אוֹיף גֵיין בֶּעסֶער, אָבֶער אַז מֶען הוֹיבְּט אָן נָאכְלָאזְן אַ

הָאר, אַ פִּינְטְל, פוּן דִי אֵיידֶעלֶע שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע לְבוּשׁ - אִיז שְׁפֶּעטֶער זֵייעֶר בִּיטֶער, דִי קִינְדֶער גֵייעֶן מַטָּה מַטָּה.

לַאךְ אִיר נִישְׁט אוֹיס אַז זִי ווִיל נִישְׁט קַיין טֶעלֶעפָאן וְכוּ', דוּ דַארְפְסְט אוֹיךְ נִישְׁט קַיין טֶעלֶעפָאן; דִי וֶוערְטְל 'לְצֹרֶךְ פַּרְנָסָה' - הָאט שׁוֹין עֶקְסְפֵּייעֶרְ"ט, שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג וָואס דוּ הָאסְט דַיין טֶעלֶעפָאן לְצֹרֶךְ פַּרְנָסָה אוּן פַּרְנָסָה הָאסְטוּ נִישְׁט, הָאסְט נָאר צָרוֹת וְכוּ'; שׁוֹין, פוּן דֶעם ווִיל אִיךְ נִישְׁט רֶעדְן יֶעצְט; אָבֶער דַיין וַוייבּ לָאז רֵיין, לָאז אִיר בְּלַייבְּן אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער, לָאז אִיר מִיט אִירֶע מִנְהָגִים, לָאז אִיר מִיט אִירֶע שְׁטַארְקֶע פְּרִינְצִיפְּן; ווִי נִישְׁט גֵיין אָפֶענֶע פִּיס, אוּן נִישְׁט זַיין פְרַיינְדְלִיךְ צוּ פְרֶעמְדֶע וְכוּ' וְכוּ'.

פָאלְג מִיךְ, אוּן לוֹיבּ אוֹיס דַיין וַוייבּ מִיט אִיר אֵיידְלְקֵייט, נָאךְ אַפָּאר יָאר וֶועסְטוּ זֶען ווִי שֵׁיין אוּן זִיס - אֵיידְל אִיז, ווִי שֵׁיין עֶס בּוֹיט זִיךְ אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶוען אַ נִפְטָר בַּאקוּמְט רְשׁוּת אוֹיפְצוּשְׁטֵיין פוּן קֶבֶר פַאר אֵיין תְּפִלָּה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ו' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעדֶע מָאל דוּ גֵייסְט הִתְבּוֹדְדוּת, זָאלְסְטוּ זָאגְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אִיךְ הוֹיבּ אָן פוּן נֵיי, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד" (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תלז), דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט דִי סוֹד פוּן זַיין הַצְלָחָה, אַז עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי, עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין מַאכְן הַתְחָלוֹת (עַיֵּין שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן לג; שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קסד).

בַּאנֵיי זִיךְ, גֵיי אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת. רֶעד נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם בַּיים דַאוֶוענֶען; וֶוען מֶען אִיז שְׁטַארְק מִיט נִישְׁט רֶעדְן בַּיים דַאוֶוענֶען מִיט

קֵיינֶעם, נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - זֶעט מֶען וואוּנְדֶער, מֶען זֶעט יְשׁוּעוֹת. דַאוְּוענֶען מִיט אַ סִידוּר, דַאוְּוענֶען אוֹיף אֵיין פְּלַאץ, גֵיי נִישְׁט אַהֶער אוּן אַהִין, אַזוֹי וִוי דָאס אִיז דַיין עֶרְשְׁטֶע תְּפִלָּה.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיא): "אִם הָיוּ מַנִּיחִין מֵת לָעוֹלָם הַזֶּה לְהִתְפַּלֵּל, בְּוַדַּאי הָיָה מִתְפַּלֵּל יָפֶה יָפֶה בְּכָל כֹּחוֹ", וֶוען מֶען גֶעבְּט וֶוען פַאר אַ נִפְטָר רְשׁוּת אוֹיפְצוּשְׁטֵיין פוּן קֶבֶר פַאר אֵיין תְּפִלָּה, אוֹי וִוי שֵׁיין עֶר וָואלְט גֶעדַאוֶּוענְט... אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאגְן, וֶוען מֶען גֶעבְּט וֶוען פַאר אַ נִפְטָר רְשׁוּת אוֹיפְצוּשְׁטֵיין פוּן קֶבֶר - וָואלְט עֶר נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ גֶעגַאנְגֶען, עֶר וָואלְט גֶעגַאנְגֶען נָאר אִין שׁוּל; נִישְׁט צוּ דִי אַרְבֶּעט, נִישְׁט צוּ זַיין שְׁטוּב, נָאר אִין שׁוּל, אוּן עֶר וָואלְט נִישְׁט אוֹיסְגֶעטְרֶעטְן פוּן דַאוְּוענֶען צוּ דַארְפְן צוּרִיק גֵיין אִין קֶבֶר; זָאלְסְטוּ אוֹיךְ אַזוֹי טְרַאכְטְן, 'נִישְׁטָא וואוּ צוּ גֵיין, נִישְׁטָא וואוּ צוּ לוֹיפְן, נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן'.

גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן דַיין טַאטֶע אוּן נִישְׁט דַיין זֵיידֶע, גֶעבּ זֵיי נִישְׁט קַיין מוּסָר, דוּ זָאלְסְט זֵיי נָאר מְכַבֵּד זַיין, אוּן אַז מֶען דַארְף זֵיי פַארְרֶעכְטְן - לָאז דִי מִצְוָה פַאר אַנְדֶערֶע, דוּ פַארְמַאךְ דַיינֶע לִיפְּן אוּן רֶעד נִישְׁט אַ וָוארְט מוּסָר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַכְטוּנְג גֶעבְּן דִי קִינְדֶער זָאל נִישְׁט הָאבְּן שַׁייכוּת מִיט לֵצִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיְחִי, ז' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וָואךְ וֶועלְן מִיר אִינְאֵיינֶעם אוֹיסְשְׁרֵייעֶן: "חֲזַק, חֲזַק וְנִתְחַזֵּק!" אִיךְ הָאף דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ, דוּ בִּיסְט מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדְן טָאג, אוּן דוּ עֶנְדִיגְסְט אוֹיךְ סֵפֶר בְּרֵאשִׁית דִי וָואךְ; עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ דִי וָואךְ, דִי טָאג, דִי לֶעבְּן - וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה, מֶען לֶערְנְט אַבִּיסְל חוּמָשׁ, תַּרְגּוּם מִיט רַשִׁ"י יֶעדְן טָאג, עֶס נֶעמְט אִינְגַאנְצְן אַפָּאר מִינוּט, אוּן אַלֶעס גֵייט אַנְדֶערְשׁ.

בַּיים רֶבִּי'ן אִיז דֶער עִיקָר תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אָן קַיין חָכְמוֹת, אָן קַיין דְרֵיידְלֶעךְ; אוּן וִוי מֶער מֶען קֶען פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי לֵיצָנוּת, חָכְמוֹת וְכוּ' - אַלְץ מֶער אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ נֶעמֶען פוּן רֶבִּי'ן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לג): "אֵצֶל הָעוֹלָם אֱמוּנָה הוּא דָּבָר קָטָן, וְאֶצְלִי אֱמוּנָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקַייט, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר אֱמוּנָה, "וְעִקַּר הָאֱמוּנָה הִיא בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת וַחֲקִירוֹת כְּלַל", דֶער עִיקָר אֱמוּנָה אִיז אָן קַיין חֲקִירוֹת אוּן אָן קַיין חָכְמוֹת, "רַק בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר כְּמוֹ שֶׁהַנָּשִׁים וְהֶהָמוֹן עַם הַכְּשֵׁרִים מַאֲמִינִים", נָאר אַזוֹי וִוי פְרוֹיעֶן אוּן פָּשׁוּטְ'עֶ מֶענְטְשְׁן וָואס לֶעבְּן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, מִיט אֱמוּנָה - גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֵייעֶן אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה.

זוּךְ אוֹיף צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַ גוּטֶער חַבֵר צוּ שְׁמוּעֶסְן שִׂיחוֹת אוּן הִתְחַזְקוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן אַנְטְלוֹיף פוּן לֵצִים, מֶען קֶען נִישְׁט זַיין מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן אוֹיבּ מֶען הָאט אִין זִיךְ לֵיצָנוּת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן קלד): "הַלֵיצָנוּת אֵינוֹ מַנִּיחַ אֶת הָאָדָם לֵילֵךְ לְצַדִּיקִים", לֵיצָנוּת הַאלְט צוּרִיק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן גֵיין צוּם צַדִיק, אוּן פוּן פָּאלְגְן דִי עֵצוֹת פוּן צַדִיק.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן מִיט חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן אִין זִיךְ לֵיצָנוּת, אֲפִילוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן זֵיי זָאלְן הָאבְּן גוּטֶע חֲבֵרִים אוּן זִיךְ שְׁפִּילְן נָאר אִין שְׁטוּבֶּער וָואס אִיז רֵיין פוּן לֵיצָנוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דִי סוֹד אִיז אוֹיפְבּוֹיעֶן, אוֹיסְהֶערְן, אוּן וַוייזְן אִינְטֶערֶעס**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ח' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דַיין וַוייבּ אִיז צֶעקְלַאפְּט וְכוּ', זִי וֵויינְט וְכוּ' - זָאלְסְטוּ אִיר נִישְׁט מֶער

צֶעקְלַאפְּן, נָאר בּוֹי אִיר אוֹיף. דָאס וָואס דוּ זָאגְסְט דַיין וַוייבּ אִיז אַ גוֹלֶם, דִי גְמָרָא זָאגְט שׁוֹין דָאס; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, אִין דִי הַיינְטִיגֶע בְּלַאט, (סַנְהֶדְרִין כב:): "אִשָּׁה גוֹלֶם הִיא", אוּן זִי אִיז "כּוֹרֶת בְּרִית", זִי וֶוערְט אֵיינְס – "אֶלָּא לְמִי שֶׁעֲשָׂאָהּ כֵּלִי", נָאר מִיט דֶעם מַאן וָואס מַאכְט אִיר פַאר אַ כֵּלִי; וֵוייסְט דִי פְּשַׁט וָואס מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, וֶוער עֶס בּוֹיט אוֹיף דִי וַוייבּ אוּן מַאכְט אִיר פַאר אַ כֵּלִי, פוּן אַ שִׁבְרֵי כֵּלִי מַאכְט עֶר אִיר פַאר אַ גַאנְצֶע זַאךְ, עֶר רִימְט אִיר כְּסֵדֶר אַז זִי אִיז אַזוֹי חָשׁוּב אוּן אַזוֹי גוּט – נָאר צוּ אִים אִיז זִי כּוֹרֶת בְּרִית, זִי וֶוערְט אֵיינְס מִיט אִים.

מָארְגְן נַאכְט אִיז דִי יָארְצַייט פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' נָתָן; רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת, אוֹיף דְבָרִים שֶׁבֵּינוֹ לְבֵינָהּ – וָואלְט אִיךְ גֶעדַארְפְט שְׁרַייבְּן נָאךְ אַ גַאנְצֶע סֶעט לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת"; דִי סוֹד אִיז אוֹיפְבּוֹיעֶן, אוֹיסְהֶערְן, וַוייזְן אִינְטֶערֶעס; אַז מֶען זִיצְט מִיט דִי טֶעלֶעפָאן אוּן מִיט אֵיין אוֹיעֶר הֶערְט מֶען אִיר רֶעדְן, אוּן מִיט דִי אַנְדֶערֶע אוֹיעֶר הֶערְט מֶען דִי וִויצְן פוּן דִי סְטֶעטוּס וְכַדוֹמֶה – אִיז נִישְׁט גוּט, מֶען וֶוערְט נִישְׁט אֵיינְס.

לֶערְן יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא. מוֹהֲרַא"שׁ בְּרֶענְגְט פוּן דֶעם גְרוֹיסְן גָאוֹן רֶבִּי שֶׁעפְּטִיל זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה, דֶער זוּן פוּנֶעם שְׁלָ"ה הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס עֶר שְׁרַייבְּט אִין זַיין צַוָואָה (בְּסוֹף סֵפֶר יֵשׁ נוֹחֲלִין), "לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג דַארְף זַיין אַ חִיּוּב פַארְן מֶענְטְשׁ אַזוֹי וִוי אָנְטוּן תְּפִילִין יֶעדְן טָאג".

מָארְגְן נַאכְט וֶועט זַיין אַ יָארְצַייט סְעוּדָה, אִיךְ וִויל דִיךְ פֶּערְזֶענְלִיךְ לַאדֶענֶען. אוֹיךְ וֶועט דָאס זַיין אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ מְסִבָּה פַאר דִי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל'דִיגֶע מוֹסְדוֹת, דִי מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז מִיר זֵייעֶר חָשׁוּב, אוּן אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען מִיט הַאלְטְן אוּן מְחַזֵק זַיין דִי הֵיילִיגֶע מוֹסְדוֹת בְּאֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ לָאז נִשְׁט אָפּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם וָואס דוּ זֶעסְט אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַסַאךְ צַייט אוּן וויפִיל דוּ פְּרוּבִּירְסְט צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן אוּן צוּ וֶוערְן עֶרְלִיךְ - גֵייט עֶס נִישְׁט אוּן דוּ וֶוערְסְט נָאר מֶער דֶערְוַוייטֶערְט; זַיי נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן, אַזוֹי גֵייט עֶס, אוּן אַזוֹי מוּז עֶס גֵיין. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן מח): "כְּשֶׁאָדָם נִכְנָס בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אֲזַי הַדֶּרֶךְ שֶׁמַּרְאִין לוֹ הִתְרַחֲקוּת", גֵייט עֶס אַזוֹי, אַז מֶען דֶערְוַוייטֶערְט אִים; נִישְׁט אֱמֶת׳דִיג, עֶס דַאכְט זִיךְ אַזוֹי, "וְנִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מִלְמַעְלָה וְאֵין מַנִּיחִין אוֹתוֹ כְּלַל לִכָּנֵס לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט ווִי קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט, מֶען לָאזְט אִים נִישְׁט אַרַיינְגֵיין צוּ דִי קְדוּשָׁה, "וּבֶאֱמֶת כָּל הַהִתְרַחֲקוּת הוּא רַק כֻּלּוֹ הִתְקָרְבוּת", אָבֶּער דָאס אִיז נָאר אַ וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען וויל דֶערְנֶענְטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ - דַאן וֶועט עֶר אַלֶעס אַרִיבֶּער גֵיין, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת וָואס זֶענֶען נָאר פַארְהַאן.

פוּן דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע וֶוערְטֶער וָואס הָאט מִיךְ זֵייעֶר בַּאנוּמֶען וֶוען אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְוִויסְט פוּן רֶבִּי׳ן, אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען אִין חֵדֶר הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן אַז מֶען דַארְף זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ, אַז אֲפִילוּ עֶס וֶועלְן אַרָאפְּקוּמֶען מַלְאָכִים פוּן הִימְל אוּן דִיךְ צֶעבְּרֶעכְן - זָאלְסְטוּ זֵיי זָאגְן ׳אִיךְ לָאז נִשְׁט אָפּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין׳, אוּן אוֹיךְ דִי וֶוערְטֶער וָואס מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן: "אֲפִילוּ מֶען וֶועט מִיר אוֹיפְוַוייזְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט - וֶועל אִיךְ עֶנְטְפֶערְן ׳אִיךְ דַארְף דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ לָאז נִשְׁט אָפּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין׳".

גֶעוַואלְד, וואוּ הֶערְט מֶען אַזֶעלְכֶע קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע וֶוערְטֶער, אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט; אַז אוּנְז פָּשׁוּט׳עֶ מֶענְטְשְׁן, פִּיצַא עֶסֶערְס אוּן קָאקֶע קָאלֶע טְרִינְקֶערְס - זָאלְן זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הַיינְט נַאכְט וֶועלְן מִיר זִיךְ צַאמְקוּמֶען לְכָבוֹד רֶבִּי נָתָן׳ס יָארְצַייט, אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ מְסִבָּה לְחַזֵּק מוֹסְדוֹתֵינוּ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ, אוּן אָפְּגֶעבְּן אַ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן גֶעהַאט רֶבִּי נָתָן; אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאגְן: "וְלֹא נָתָן", וֶוען נִישְׁט רֶבִּי נָתָן - "לַמּוֹט רַגְלֵינוּ", וָואלְטְן מִיר זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם... לַמּוֹט רַגְלֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֵצָתוֹ אֱמוּנָה

פַּאר קִינְדֶער

## אוֹיסְזוּכְן גוּטֶע זַאכְן

׳אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, עֶס הָאט אָפְּגֶעבְּרֶענְט מַיין גַאנְצֶע הויז, אִיךְ הָאב נִישְׁט קַיין הויז וואו צוּ וואוֹינֶען, מַיינֶע זַאכְן זֶענֶען פַארְבְּרֶענְט, לָאמִיר גֵיין קוּקְן צְווִישְׁן דִי פַארְבְּרֶענְטֶע זַאכְן, אֶפְשָׁר קֶען אִיךְ נָאךְ עֶפֶּעס רַאטֶעוֶועןְ...׳

דֶער אִיד נִישְׁטֶערְט צְווִישְׁן דִי פַארְבְּרֶענְטֶע זַאכְן, עֶר זוּכְט עֶפֶּעס גוּטְס, עֶר זוּכְט עֶפֶּעס צוּ גֶעפִינֶען, אָבֶער אַלֶעס אִיז פַארְבְּרֶענְט... עֶנְדְלִיךְ טְרֶעפְט עֶר אַ לֶעפְל, עֶר הֵייבְּט עֶס אוֹיף מִיט אַ שְׁמֵייכְל, עֶר פְרֵייט זִיךְ אַז עֶר הָאט עֶפֶּעס גֶעקֶענְט רַאטֶעוֶוען פוּן דִי שְׂרֵפָה.

אַרִיבֶּער דִי גַאס גֵייט דֶער צַדִיק רֶבִּי נָתָן פוּן בְּרֶסְלֶב, עֶר גֵייט מִיט תַּלְמִידִים, עֶר אִיז זֵיי מְחַזֵק מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן; אַז אֲפִילוּ דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט



אָה, אִיךְ הָאבּ עֶפֶּעס גֶעטְרָאפְן...

אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אִין עֲבֵירוֹת, מֶען שְׁפִּירְט וְוי מֶען אִיז פַארְבִּרֶענְט פוּן טוּן שְׁלֶעכְטְס – זָאל מֶען זוּכְן עֶפֶּעס גוּטְס, מֶען זָאל זִיךְ מְחַיֶּ׳ זַיין מִיט גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט.

אַזוֹי גֵייעֶנְדִיג זֶעט רֶבִּי נָתָן דִי פַארְבְּרֶענְטֶע הוֹיז, אוּן וְוי דֶער בַּעַל הַבַּיִת זוּכְט צְוִוישְׁן דִי פַארְבְּרֶענְטֶע זַאכְן – וָואס עֶר קֶען רַאטֶעוֶוען. ״קוּקְט אַהִין!״ זָאגְט רֶבִּי נָתָן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים: ״דָא קֶענְט אִיר זֶען מַמָּשׁ וָואס מִיר רֶעדְן יֶעצְט, דֶער אִיד הָאט נֶעבֶּעךְ פַארְלוֹירְן זַיין גַאנְצֶע הָאבּ אוּן גוּטְס, אוּן דָאךְ אִיז עֶר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, אַזוֹי דַארְפְן מִיר לֶעבְּן, מִיר טָארְן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, מִיר דַארְפְן אַלְץ זוּכְן וָואס מִיר קֶענֶען אַרַיינְכַאפְּן צוּ טוּן גוּטֶע זַאכְן״.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דֶעם צַדִּיק אַז אֲפִילוּ מֶען הָאט אַלֶעס פַארְלוֹירְן – זָאל מֶען זוּכְן עֶפֶּעס צוּ רַאטֶעוֶוען, אוּן זִיךְ מְחַיֶּ׳ זַיין מִיט יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט.

בס"ד




IDEA. 8457769664

# יא, מיטן אייבערשטנ'ס הילף!

סיינט אייך אויף עס צו
באקומען וועכנטליך
אויף די פאסט

רופט אדער טעקסט:
**718-387-2691**
אימעיל צו:
**subscribe@kerenhadfusa.org**